דעם 18טן מיי 1968

טייערער כאסקל:

באבעל איז שוין טיילווייז איבערגעזעצט געווארן אויף יידיש.
אינטערעסאנט וואס איך האב געפונען די זעלבע פּראָגע געשטעלט סוצקעווערן
מיט עטלעכע חדשים צוריק און ער האט מיר אינפארמירט וועגן דער יידישער
אויסגאבע. וועלכע מעשיות ווערן דארט איבערגעזעצט ווייס איך ניט.
מסתמא געפינט זיך דאס בוך אין דער נאציאנאלער ביבליאטעק (בלי שום
ספק די בעסטע יידישע ביבליאטעק אויף דער גארער וועלט), וועל איך
פארצייכענען דעם אינהאלט. נאר זאג מיר אזא זאך - וואס פאר א ווערט
קען האבן אן איבערזעצונג פון אן אנדער איבערזעצונג? באבעל, ווי דו
ווייסט, איז א מייסטער פון צימצום. ביי אים איז יעדעס ווארט געוויגן
אויף א וואָגשאָל. פון וואנעט האסטו די זיכערקייט אז די ענגלישע
איבערזעצונג אויף וועלכער דו באזירסט זיך איז א פאַרלאזלעכע? מילא,
ביאליק האט געקענט איבערזעצן דאן קישאט פון דייטש (און באקומען דארפאר
אן אויסצייכענונג פון דער שפּאַנישער רעגירונג), נאר היינט צו טאג
לייענט עס קיינער ניט. ס'איז שוין פאראן א בעסערע אויסגאבע, כאטש געמאכט פון
א קלענערן טאלאנט ווי ער.

אויב מיר רעדן שוין וועגן שרייבערס, און דער עיקר וועגן צימצום-
דיקע שרייבערס, מוז איך דיר ראטן צו לייענען לאמעד שאפּיראָ. סך-הכל
האט ער אָנגעשריבן געציילטע ווערק, אלע דערציילונגען. ער האט זיך קונה-
שם געווען נאך פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה מיט א לאנגער דערציילונג
וועגן א פּאָגראָם. זיך געחברט מיט פרצן א קורצע צייט. זיין לעבן איז
נאך טראגישער פאר מאנגערס. שאפּיראָ האט אין גאנצן ניט זוכה געווען צו
פּאפּולאריטעט, ניט אין ווארשע און אוודאי ניט אין אמעריקע. ווי מנחם-
מענדל איז ער עטלעכע מאל געפארן הין און צוריק איבערן ים, נאר ס'האט
אים גארניט געהאלפן. קיין פרנסה האט ער בשום אופן ניט געקענט מאכן.
אין ניו-יארק שיקאגא געפּרוּווט עפענען א רעסטאָראַן פאר יידישע
שרייבערס. פון דעם האט זיך ארויסגעלאָזט א בוידעם. די שרייבערס האבן
ניט געצאלט זייערע חובות און שאפּירא האט אָנגעזעצט. סוף-כל-סוף איז
ער אוועקגעפארן קיין לאס אנזשעלעס (פאקטיש איז ער צוויי מאל אהין
געפארן, דאס צווייטע מאל - אויף אייביק). זיין באליבטע ווייב איז אים
געשטארבן און ער האט זיך געלאזט נאכן "ביטערן טראפּן". ער איז נפטר
געווארן אין יאר 1948. לאָמעד שאפּיראָ איז באמת א גרויסער טאלאנט.
כ'האב זעלטן ווען געלייענט אזעלכע ביי'סיקע דערציילונגען וועגן
אמעריקע און אָנגעשריבן אין אזא ווּוּנדערלעכן סטיל. ווי ביי באשעוויס,
געפינט זיך א סך עראָטיק, נאר פון א רעאליסטישערן שניט. שאפּירא האט
אויך די מעלה פון פארשיידנארטיקייט: ער שרייבט וועגן ישיבה-בחורים
ווי אויך וועגן אסימילירטע אמעריקאנער גבֿירים. ער וועט דארפן שטיין
ביים אויבן אָן פון אונדזער ביכער-רשימה. אנדערע ווערק וואס כ'וואלט
זייער גערעכט: די ספורי מעשיות פון ר' נחמן בראצלאווער (ראָזשאנסקיס
אויסגאבע טויג אויף תשעה ניינציק, וועלן מיר קענען לייענען פון מיין
טראַדיציאָנעלער אויסגאבע). דוד בערגעלסאָנס נאָך אלעמען און מידת הדין
(נאר דאס צווייטע האב איך געלייענט). כ'וואלט א בעלן געווען צו
לייענען מיט דיר יוסף אָפּאַטאָשוס דערציילונגען וועגן פערד-גנבֿים און
וועגן אמעריקע. וועגן לייב ראָכמאנס ראָמאן וועט אויסקומען צו רעדן
גאר א סך. איך שיק דיר אן עקזעמפּלאַר דורך מיין מאמען. קויף זיך
איין די צוויי בענד פון משה-לייב האַלפּערן. איך האב זיי שוין. אין
אין ניו-יארק איז פּאַראַן אן אויסערגעוויינטלעכע פּאעמע מיטן נאמען
"א נאכט". פון די גרעסטע זאכן אין אונדזער דיכטונג. אפילו שמערוק
האט עס ניט געקענט קאליע מאכן. קולבאקס זעלמעניאנער האב איך הייאר
געלייענט. דאס איינציקע סאטיריש ווערק אויף יידיש וועגן סאוועטן-
פארבאנד. ביז גאר אינטערעסאנט. לייען בלויז דעם ערשטן באנד. כ'האב
אויך איבערגעלייענט באשעוויסעס דער קנעכט אויף יידיש נאר דאס איז
ניט אזוי גוואלדיק וויכטיק. כ'לייען איצטער מארקישעס טראט פון דורות.
א שרעקלעך בוך. ער שרייבט איבער די גאנצע געשיכטע פונעם געטא-
אויפשטאנד. איך ווייס ניט פאר וואס שמערוק האט אונדז געהייסן עס
לייענען. זיין פּראָזע-סטיל לייענט זיך ווי א בלאטע.

וועב איז עוזר קבצן? דער נאמען קלינגט ווי א פסעוודאָנים.
קיין גרויס ליד איז עס זיכער ניט און ווי א קריטיק פון האַלפּערן איז

עס אויך ניט בארעכטיקט. אים געפעלט ניט משה-לייבס קלאָגליד. ער
האלט אז מע דארף צוריקגיין צו דער צאינה וראינה און זינגען לידער
פון גאלדענע לייבן (ווײַל וועגן משה-לייבן שרייבט וועגן זיך דער
דיכטער אליין!). מילא, אויב האלפערנס ווייגעשריי האט ביי אים ניט
אויסגענומען איז מיר ניט קיין גרויסער ווונדער. האַלפערן האט פון
אלעמען אָפגעלאכט, סיי פון די טראַדיציאָנאַליסטן, סײַ פון די סאציא-
ליסטן, סיי פון זיך אליין.

וויי, ווי עס ווילט זיך מיר ניט אוועקפאָרן! בנאמנות, כ'וואלט
דא גערן פארבליבן נאך א יאר. דאס איינציקע וואס ציט מיר צוריקצו-
פארן קיין בראנדײַס דאס ביסטו און הלל. נאר דא לאז איך איבער
אנדערע מענטשן נאך וועמען איך וועל שטארק בענקען: ראכמאן, זיין
טאכטער, סוצקעווער, מיין קוזין, דוד שולמאן (אַן אַמעריקאנער וועלכער
בלײַבט דא), מיינע חבֿרטעס אמר און בתיה און נאך עטלעכע פּאַרשוינען.
כ'האב זיך דא ארײַנגעלעבט אויף א שטײַגער וואס כ'האט גארניט געגלויבט
איז פאר מיר מעגלעך. איך קען אַנטיילנעמען אין יעדן יום-טוב אויף
א פולשטענדיקן אופן, און ניט שטיין פון דער זייט. ניין, פֿאַרפֿרעמדונג
איז ניט קיין מעלה. ניין, מע באקומט ניט דערפון א פערספעקטיוו אויפן
ארום. דער אמתער פערספעקטיוו קומט פון אינעווייניק. איך קען ניט
זאגן אז איך קען דאס לאנד, אז איך פיל דאס לאנד. איך פיל אבער יא
אן אינערלעכע באַפֿרידיקונג וואס איז מיר אין גאנצן נײַ.
איך האב הנאה פון די קלענסטע געשעענישן, ווי איינקויפן עסן אין
"סופּר סל", ווי פאָרן אויפן אויטאָבוס, ווי ווארטן איך א ריי צו
קלינגען טעלעפאָניש (אוודאי מיינסטו אז איך שפאס, איך מיין דאס
טאקע ערנצט). נישטא קיין פערפעקטע געזעלשאפט אויף דער וועלט.
ניטא קיין רעגירונג וואס איז ניט קיין פאַרמאכטע קליקע פון אלטע
קאַריערןסטן. ניטאָ קיין לאנד אן אינערלעכע קאָנפליקטן צווישן די
שיכטן פון דער באפעלקערונג. מע קען ניט פארבלענדן די אויגן פאר אט
די פּראבלעמען. איך דעם בין איך מיט דיר מסכים. נאר יעדעס לאנד
האָט זײַן אייגנארטיקייט, און אונדזער לאנד איז ייִדישלעך אייגנארטיק.
דער איינציקער חילוק, נאר פאר מיר איז דאס דער עיקר. א גרופּע
ייִדישע גנבֿים און גזלנים וואס זיצן אין "חד גדיא" פאָרן אויף אן
אויספלוג קיין פּותל מערבֿי און דארטן זינגען זיי בציבור "אלי אתה..."
וואס די חב"ד-חסידים האבן זיי אויסגעלערנט. דער נשׂיא פון ישראל
פּאָרט פארביי א בוך-באַזאר ווו עס שטייען הונדערטער ייִדן און קויפן
העברעיִשע ביכער. ער באשליסט ניט ארויסצוגיין פון אויטא ווייל ער
וויל זיי ניט שטערן אין דער אײַנקויפערײַ וויסנדיק אז דער באזאר
פארמאכט זיך אין עטלעכע מינוט. א ייִדישער זעלנער זיצט אין זיין
דזשיפּ מיט די פיס ארויף און לייענט "פּרבֿיטש איז דער רב שפּעט גע-
שלאָפֿן" - אויף ענגליש! אין מירון קומען צענדליקער טויזנטער
ייִדן אויף ל"ג בעומר צום קבֿר פון רב שמעון בר יוחאי. אלע לאָמע און
בלינדע פון איבערן לאנד פארזאמלען זיך ביים קבר, גלייבנדיק אז דאס
איז א סגולה קעגן זייער מום. איך הויף טאנצן חסידים מיט דריי
יאריקע זין אויף די אקסלען. היינט שערט מען זיי אפּ צום ערשטן מאל.
קלעזמער שפּילן. דער עולם קווועלט אונטער דער קייסער זון.

ווען מיין קוזין איז צום ערשטן מאל צוריקגעקומען פון ישראל
האט ער באשלאסן אז ער מוז זיך אויסלערנען א פּראַקטישע מלאכה און
וואס גיכער צוריקפארן. אן ענלעכער געפיל איז אויך מיר באפאלן. מיט
וואס פאר א רעכט פארטאכלעווע איך די צייט? די וועלט ברויזט און
שפּיל זיך נאך ארום. געוואָלט האב איך נעמען א יאר פרײַ נאכן איך
גראדויִרן. אצינד מיין איך ניט אז איך וועל דאס דורכפירן. איך וויל
וואס גיכער מאכן מיין דאקטוראט און --- כ'האב באשלאסן, אז אויב
עליה, מוז עס זיין פאָרן ווערן 25 יאר אלט. וואס גיכער איך קום
צוריק אלץ גרינגער וועט עס מיר אנקומען. כ'וועל אויך מוזן דורכ-
מאכן א יאר אין מיליטער (15 חדשים "בייסיק טריינינג"). דערצו
וואלט געוועך שיין חתונה צו האבן מיט א היגן מיידל; אויב מע
ווארט צו לאנג קען מען אין גאנצן פארשפּילן. מסתמא קלינגען די זאכן
מאדנע, צי גאר ווילד אין דיינע אויערן. אפשר מיינסטו אז איך נאר
זיך אליין אפּ. ס'קען זיין. נאר מיר דאכט זיך אז אט דעם פּלאן וועל
איך דורכפירן צי איך וויל, צי איך וויל ניט. דאס יאר האט שוין
דיין געטרײַער חבר,
דערציילט מיין צוקונפט.

דוד